# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטען

אדרעס
פון „ראַדאמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פּרייז:
יין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאָכ'ן " 18 "
די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

ראַדאָם פרייטאג ט' ניסן תרפ"ח. ◆◆ פאר'ן אינהאלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאקציע נישט פערענטוואָרטליך ◆◆ 30 go marca 1928 r.



א האַרציגען מז"ט
מיין פריינד און חבר שמואל גאָלדפאַרב
צו זיין פערלאָבונג מיט פר"ל רחל גראוס
ה. זלוטה
קעלץ.

א הערצליכען מז"ט און אלדאָס גוטס
ווינשען מיר אונזער פערוואַלטונג'ס-מיטגלידערין
פר"ל ב. קאַכאַן צו איהר פערלאָבונג מיט ה' יעקב גאָלדבערג
די פערוואַלטונג
פון דער יודישער ביבליאָטעק אין קעלץ.

Z intencji ślubu syna p. GRYNGRASA
z. p. GOLDBERG
serdeczne życzenia rodzicom oraz młodej parze
składa
Kielce. M. WODZISŁAWSKI.




כשר לפסח
# צערעס
שמייזעפעטס
**CERES Tłuszcz Jadalny**
איז די בעסטע, אויסשליסליך ריינע פלאַנצענפעטס. עס ווערט עמפפעהלען אויף פסח אַלערנייטיג צום
קאָכען
באַקען
בראָטען.
פערלאַנגט אויסדריקליך „צערעס" מיט'ן פסח-שטעמפּעל און וואַרפט צוריק מינדערוועַרטיגע אומבעקאַנטע פעטסן.
עס איז ווייניג נור צו פערלאַנגען צערעס, איהר מוזט אויך זיך איבערציינגען צי דער סוחר גיט אייך די עכטע צערעס. צערעס איז עכט נור אין פּאַקעטען מיט א גרין-רויטען שליף און מיט'ן אויפשריפט „צערעס". עס ווערט קיינמאָל נישט פערקויפט אָהן פערפּאַקונג.
**„SATURNIA" S. A. Warszawa.**

זה אלי ואנוהי —
התנאה לפניו במצוות
(שבת קל"ג)
## אויף אַרבע כוסות
און א גאַנץ פסח קויפט נאָר די בעסטע וויינען אויף דער וועלט
די ארץ ישראל ווייַנען


# „כרמל"
כשר לפסח
„כרמל"-ווייַן איז דער וויין פון דיינע ברידער אין ארץ ישראל, וועלכע בויען פאר דיר און דיינע קינדער דעם נאַציאָנאַלען היים.
„כרמל" ווייַן שטעהט אונטער דער השגחה פון די רבנים זאָנענפעלד און קוק אין ארץ ישראל און איז כשר לפסח אפילו למהדרין מן המהדרין.
גיבט אַכטונג אויף דער שוץ-מאַרקע: צוויי מרגלים טראָגען דעם אשכול. אַלע „כרמל"-ווייַנען אָהן דער מאַרקע זענען פאַלסיפיקאַטען.



30 מיליאניגען גרויסען פוילישען פאלק, האט געדארפט פערווירקליכט ווערען דער אזוי ערווארטעטער

**„ויקראתם דרור בארץ לכל יושביה"**

דאס פוילישע פאלק ערווארטעט מיט אונגעדולד דעם גרויסען זשעסט פון דעם איצטיגען מלוכה-פיהרער, וועלכער איז פעהיג אויף אזעלכע זאכען. מיר געדענקען נאך אין דער צייט פון קאמף ווען די שלאכט-פעלדער זענען נאך געווען פערפולט מיט'ן פוילישען מיליטער, האט דאן אויך יוזעף פילסודסקי דער דאמאלסדיגער מלוכה-שעף אויסגערופען: אלע וואס האבען זיך פערשולדיגט, זאלען זיך אומקעהרען אהן שטראף א היים. און דאס האט געווירקט אויף טויזענדטער מענשען, וועלכע זענען צוליב קליינינקייטען געווען אין דער לאגע פון בעשולדיגטע, און זיי זענען טאקע צוריקגעקומען און געהאלפען מיט וואס זיי האבען געקאנט.

עס איז א פאקט, אז טויזענדטער אין צענדליגער טויזענדטער פוילישע בירגער געפונען זיך נע ונד איבער דער גאנצער וועלט, און בלויז אויס מורא פאר שטראף קומען זיי נישט צוריק. אין איצטיגען מאמענט דארף דאס אלץ רעגולירט ווערען, דער איצטיגער פאקטישער לייטער פון דער רעפובליק קען מיט איין פעדער-שטריך רעטען טויזענדטער קינדער פון זיין פאלק, ער דארף דאס טהון, דאס גאנצע פאלק ווארט אויף זיין מאניפעסט, און לאמיר האפען, אז דאס וועט קומען.

**מ. גינזבורג.**

**אויף פסח הבע"ל!**

**עכטען: פסח'דיגען** טהוען מיר אייך עמפפעהלען דעם פון לאנגע יאהרען בעקאנטען און זעהר פיינען **עכטען: פסח'דיגען**

# פראנקק=קאפפע=צוזאטץ

אין קיסטעל און אויך אין רונדע פאקונג

ער איזט ערצייגט בהכשר גמור אינטער אויפזיכט פין הרה"ג.

הג' מו"ה יעקב פרענקעל תאומים שליט"א אבד"ק פאדגורזע והגליל

וחתנו ה־המאה"ג וכ"ר מו"ה חיים קאננער שליט"א ובנו החריף

זכ"י מ' יחזקאל פרענקעל תאומים שליט"א

**דער גרינער שטרייפען אויף די פעקלעך בעווייזט דעם כשר לחג הפסח**

אין די פיינהייט דיעזער וואַרע

HENRYKA FRANCKA SYNOWIE
Fabryka Środków Kawowych S. A.
SKAWINA — KRAKÓW.

# מיינע פאר פסח'דיגע צרות

## (מאנאלאג פון א צוקונפטיגען „מלך").

וואס איך שלעפ מיך ארום אין גאס אזוי שפעט ביינאכט? — פרעגט איהר. ווי פאסט עס — פרעגט איהר — פאר א יוד א בן-תורה, א מטופל פון א האלב טיץ פעמפיקעס, זיך ארומצודרייען נאך חצות אויף דער לובלינער גאס? פאר וואס בין איך אויף דער עלטער געווארען א נאכט-וואנדערער? איהר זענט טאקע גערעכט. נאר איך בין נישט שולדיג!

איך געהער צו די זיידענע יונגער-מאנטשיקלעך, וואס „לאנגווייליגען" זיך אינדערהיים... איך בין אויך נישט קיין ליטעראט, וואס כ'זאל זוכען אויפכאפען „נאכט-סצענקעס", אי, פארוואס זשאני דער איך היינט גאנצע נעכט אהן שום ציעל און אהן צוועק? איהר ווילט וויסען דעם סוד? - - מיין ווייב רוימט!...

אז ס'קומט נאך פורים ציטערט אויף מיר די הויט; אז איך דערמאן זיך, אז עס קומען או די פאר-פסח-זאכען, שטארבט אין מיר אפ יעדעס אבר.

פאר פסח ערקלערט מיר מיין יודענע „אויסנאמס צושטאנד"; גאנצע צוויי וואכען פאר פסח בין איך א היימלאזער. כ'געפין מיר קיין ארט נישט, כ'האב נישט דעם קאפ וואו אהעקצולייגען, אלץ אין שטוב איז „דא גורי נאגאמי"; נישט איך עס, נישט איך שלאף. דאס ביסעל גראטעס שטעהט אין דערמיט

זעריו-סקלאדעס געווען איבערפולט, ממש זיך געבראכען פון אנגעפאקטע סחורות, וועלכע זענען געשאצט געווארען מיט לעגענדארע סומעס. און אלע ראדאמער און פראווינצער סוחרים האבען אט די ראדאמער צוויי יודען בעטראכט אלס איינפאכע מאגנאטען.

ליגט דאך אין מענשענס טבע אנ' איינענשאפט. וואס לאזט קיינמאהל נישט פערזעטיגען דעם געלד-אפעטיט און וויסיעל דער מענש זאל נישט פערמאגען — האט ער אלץ צו-ווייניג און ער יאגט זיך כסדר אהן אויפהער אויף צו ערווערבען נייע מאיאנטקעס אום צו פערגרעסערען מיט זיי זיינע רייכטהומער, איז דאס אייגענע געווען מיט אונזערע ביידע ראדאמער גבירים ק. און ד. די דאזיגע יודען האבען ווייניג געלערענט פון דעם וואס ערשט בסך הכל מיט א קורצע פאר מאנאטען צוריק זענען זיי געווען ארים-אביון און אנשטאט וואס דעמאלט האבען זיי געגעסען צו-מיטאג קארטאפעל אין די שאלען — עסען זיי שוין געפרעגעלטע פיש, מיט פריש-געבאקענע חלות און אינדיקעס מיט די גרויסארטיגסטע קאמפאטען, און דאס אלץ אין א צייט, ווען אין הונדערטער הייזער פון דער זעלבער שטאדט פאסט מען אן די טעג און א שטיקעל שווארץ ברויט פון געפעהרליכען חעמישען געמיש איז דארט די גרעסטע השגה און לעבענס-פרייד, אפילו נאכרעם. ווען די דאזיגע צוויי שותפים האבען שוין געמאט אנגעזאמעלט א אוצר מיט געלד און סחורות, האבען זיי זיך נאך אלץ נישט בעפרידיגט און געיאגט זיך נאך ווייטערדיגע פערדיענסטען מיט אזא אימפעט ווי עס וואלט זיי אייסגעפעהלט אויף איבערצולעבען דעם טאג. די דאזיגע טאטעס זענען אזוי טיף אריינגעצויגען געווארען אין דעם שכרות-דיגען טאנץ פון עגל הזהב און די געלד-גייציגקייט האט זיי אזוי ווייט פערבלענדעט די אויגען, אז זיי האבען רעכט נישט געזעהן, אז זיי זענען מקריב זייערע אייגענע טעכטער אויפ'ן מזבח פון דעם אבגאט וואס הייסט געלד. זיי איז אלץ נאך ווייניג געווען דאס גרויסע ערווארבענע פערמעגען און זיי האבען אויפגענומען ממש דער גרעסטער צופרידענהייט יעדען פארשלאג, יעדער מין פראפאזיציע פון זייערע בריה'שע טעכטער ווי נאר ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען שליסען א נייעם געשעפטעל.

אז סאלטשע מיט ראחעלא האבען זייערע טאטעס דערצעהלט, אז א גרויסע צאהל ראדאמער סוחרים פאהרען היינט קיין ווין, פון וואנען זיי ברענגען פערשידענע אויסלענדישע סחורות, פון וועלכע זיי ווערען רייך — זענען די אייפערזיכטיגע און געלד-דורשטיגע טאטעס אנגעצינדען געווארען און תיכף אויפ'ן וואונש פון זייערע טעכטער, אז אויך זיי ווילען און קאנען פאהרען קיין וויען — באלד מסכים געווען און זאגאר געגעבען זיי פיעל געלד אין וועג אריין. זענען סאלטשע מיט ביילקע טאקע געפאהרען מיט זייערע בעקאנטע אבערלייטענאנטען קיין וויען און מ'האט דארט צוגעלעבט א גוטען טאג אויף וואס די וועלט שטעהט. די טאטעס האט מען געבעטען צופיהרען די טייערסטע ארטיקלען און ווען זיי האבען אבגעלעקט דערפון א סעט ביינדעל האבען די טאטעס צומאלט נישט געוואלט וויסען מיט וועמען זייערע טעכטער זענען געפאהרען און וואס זיי האבען אלץ דארט אויסגעטוהן אין וויען. פאר זיך איז גענוג געווען דער געלד-ריוח, וואס די ווינער מסחרים האבען איינגעבראכט און דאס איבריגע איז זיי ווייניג אנגע-

Kino „ODEON“

— w Radomiu. —

Od dnia 26 marca

Arcyfilm, przekraczający najbujniejszą wyobraźnię ludzką p. t.

METROPOLIS

W rolach głównych:

Brygida Helm,
Rudolf Klein Rogge,
i Alfred Abel.

קויפט תיכף אויף פסח תרפ"ח

די בעריממטע מצות פון ארץ-ישראל

פון יאהר תרפח.

די ארץ ישראל מצות צייכנען זיך אויס מיט זייער פרימא קוואליטעט און מיט דער שעהנער מראה און זיי איבערשטייגען אלע אנדערע אויסלענדישע און אינלענדישע מצות.

היט זיך פאר אלטע ארץ-ישראל מצות.

אין פערקויף האבען זיך בעוויזען אלטע מצות ארץ ישראל'דיגע פון די פאריגע יאהרען, די פערקויפער פון די דאזיגע מצות האבען קיין שום שייכות נישט מיט אונז. היי-יעהריגע ארץ ישראל מצות געהן געפאקט נור אין האלץ-קאסטענס און נישט אין קארטאנען. יעדער קאסטען האט 36 גאנצע קילא פעקלעך אדער 80 האלבע קילא-פעקלעך. אין יעדער קילא-פעקעל געפינט זיך א הכשר פון הרבנות הראשית און בית דין האשכנזי אויפ'ן יאהר תרפ"ח.

פערלאנגט נור די היי-יעהריגע ארץ-ישראל מצות מיט'ן הכשר פון יאהר תרפ"ח.

„JARDEN“, Warszawa, Długa 50.

אין אלע ענינים זיך ווענדען:

בעקאנטמאכונג.

די אלטע עגזיסטירענדע פירמע פון וויין און שפירט

נתן גאטליעבווארשאווסקא 2

עמפפעהלט צום אנקימענדען פסח הבע"ל ווייבעך פון די בעסטע סארטען — און ביליג —

חוץ ספירט על חג הפסח פון אלע רעקטיפיקאציעס אויך ביליגער ווי איבעראל

בעמערקונג: ווער עס וויל האבען א עונג יום-טוב זאל זיך קויפען א פלאש וויין פון מיין געשעפט און מעחד פון די בעסטע סארטען.

מיט אכטונג נתן גאטליעב

ראדאם, ווארשאווסקא 2.

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט די ראדאמער יורישע בעפעלקערונג. דאס אין מיין געשעפט וועט מען בעקומען אויף דעם קומענדיגען פסח מצות, פערפעל, ווי אויך מצה מעהל אין זעקלעך פון גאנץ קליין פלאמבירט פון די בעוויסטע מעכאנישע מצות פון געברידער בליימאן געפאקט אין פעקלעך 1/2 קילאווי און 1 קילאווי אויף פאבריטשנע פרייזען.

עס איז אויך דא צו בעקומען אייער-מצות.

איך פערהאף דאס די געעהרטע קליענטעלע וועט מיר שענקען זייער צוטרוי.

מיט בעשטעלונגען קאן מען זיך ווענדען פון זונטאג דעם 18/3 יעדען טאג ביי מיר אין געשעפט לובלינער 3 אין פראנט

מיט אכטונג

אבא האך ראדאם

לובלינער 3.

בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט די געעהרטע ראדאמער יודישע בעפעלקערונג דאס איך עפען אויף אין די נאהנטסטע טעג א כשר'ע יאטקע אויף דער שעווצקא גאס (שיסטער-געסיל) נומער 17, וועלכע וועט זיין פערזעהן מיט פערשידענע גוטע פליישן.

מיט אכטונג טוביה פינקעלשטיין

ראדאם, שעווצקא 17.

דאנקזאגונג.

דערמיט ווערט אויסגעדריקט א הערצליכען דאנק די געברידער ה"ה פנחס, לייביש און משה בירענבוים פאר זייער וואהלטהעטיגען פהאט, וואס זיי האבען צום אנדענקען פון זייער פערשטארבענעם פאטער זלמן בירענבוים ז"ל, געשאנקען 42 העמדלעך פאר די תלמוד תורה קינדער פון דער סקארישאווער גאס. ס'איז ווערט צו בעצייכענען, אז דער דאזיגער ערהאבענער טהאט איז געטוה' געווארען מיט'ן אמת'דיגען ריינעם יודישען הארץ, ווייל דער דאזיגער געשאנק האט געטראפען אין אזא צייט, ווי ערב פסח, ווען די ארימע יתומים-קינדער וועלען זיך פשוט קאנען דערמיט אויפפרישען אויף יום-טוב. די דאזיגע מצוה זאל זיי בייששטעהן, ווען זיי וועלען זיין קעהרען און ווענדען. מיט דעם וואונש פון א כשר'ען און פרעהליכען יום טוב פאר די דאזיגע מנדבים.

צייכענען מיר זיך מיט אכטונג:

די פערוואלטונג פון תלמוד תורה

פון סקארישאווער גאס.

שבת דען 14-טען אפריל דאס יאהר

וועט פארקומען

דער יעהרליכער

סימפאנישער קאנצערט

פון די שילער און שילערינס פון דער איינציגער אין ראדאם בעשטעטיגטע פון מיניסטעריום מוזיק-שולע

אונטער דער לייטונג פון ה' פ. גיסער

ס'נעמען אנטהייל: דער שול-ארקעסטער, קווארטעט, סאלא פארטעפיאן, פיעדעל און וויאלענטשעל.

די גאנצע הכנסה פון אויבענדערמאנטען קאנצערט איז לטובת די „ברידערליכער הילף“ ביי דער מוזיק-שולע און „אקאדעמיקער קרייז“ אין ראדאם.

בילעטען פון 1.20 זל. ביז 4.20.

# קעלצער אבטיילונג.

## אַלגעמיינע פערזאמלונג פון סוחרים-פעראיין.

זונטאג דעם 8-ען אַפריל וועט אין אייגענעם לאָקאַל פאָרקומען אַנ'אויסער-געוויינליכע אַלגעמיינע פערזאמלונג פון סוחרים-פעראיין.

אויפ'ן טאָג-אָרדנונג נעפינען זיך זעהר וויכטיגע ענינים. עס איז דער-פאר געוואונשען, אַז אַלע יודישע סוחרים זאָלען זיין אנוועזענד.

די פערזאמלונג וועט פאָרקומען 4 א זייגער נאָכמיטאָג.

## פאַרזיכטיג ביים רייניגען די פענסטער

פיטהאָן 11 פריה איז די דינסט פון פרוי סאסקא מאַרק, ריינענדיג די פענסטער אראָבגעפאַלען פון ערשטען שטאָק און גע'הרג'עט געוואָרען אויפ'ן אָרט.

## א אקאדעמיע געווידמעט דעם שעפער פון עספעראנטא ד"ר זאמענהאף.

שבת דעם 14-ען אפריל 4 א זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין לאָקאל פון פרוי ז'מנאזאדא א גראנדיעזע אקאַ-דעמיע צום 11-ען יאָהרצייט פון שעפער פון עספעראנטא ד"ר זאמענהאף.

א דאַנק דעם רייכען פראָגראַם וואָס וועט צוגעגרייט דורך דעם היגען עס-פעראנטיסטען קרייז ביי דער שולע פון פרי' זימנאזארא — וועט די אָקאַדעמיע זיין זעהר אינטערעסאנט.

בילעטען קען מען פריהער בעקומען אין סעקרעטאַריאַט פון עספעראַנטיסטען-קריין.

## אויך די יודישע ארעסטאַנטען ווערען בעזאָרגט מיט כשר עסען אויף פסח.

אויך היי יאָהר האָט די קהלה אסיגנירט א בעדייטענדע סומע אויף כשר עסען אויף פסח פאַר די יודישע ארעסטאנטען אין קעלץ.

## דאָס ביורא פון „קרן-קימת" איבערגעטראָגען אין נייעם לאָקאַל.

דאָס ביורא פון „קרן-קימת", וואָס זיך א לענגערע צייט געפינען אויף אלטע וואַרשאווער גאַס № 34 און לעצטענס אין לאָקאַל פון „השומר הצעיר", איז היינטיגע וואָך שוין אי-בערגעטראגען געוואָרען אין נייעם לאָ-קאל, מאַרק № 12 (פאַרטער)

## א בלימעל-פערקויף לטובת „קרן-קימת"

דאָס בלימעל-פערקויף, לטובת דעם „קרן-קימת", וואָס איז פאָרגעקומען פרייטאג, דעם 23 מערץ ה. י. האָט גע-ברענגט א בעדייטענדע סומע. די גרעסטע סומע האָבען געזאַמעלט די ה"ה: פיחקי און בלושטיין.

## סענאַטאָר ד"ר צמח שאבאד אין קעלץ.

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט חול-המועד פסח ווײלען אין קעלץ. דער פון דער קעלצער וואיעוואָדסטווא אייס-געוועהלטער סענאַטאָר. (פון № 18) ד"ר צמח שאבאַר. ווערכער וועט האל-טען א רעפעראט אין איינעם פון די גרעסטע זאַלען, די ידיעה איז נישט קיין אָפיציעלע.

## די קהלה טרעט צו צום בודזשעט פון יאָהר 1928.

לויט די ידיעות וואָס מיר האָבען בעקומען, האָט דער קהלה-ראַט בעשלאָ-סען זיך צו ווענדען צו דער פערוואל-טונג מיט א בקשה זי זאָל נאָך פאַר פסח צוטרעטען אויסצוארבייטען דעם בודזשעט פון יאָהר 1928. אזוי, אז דער קהלה-ראַט, וועלכער קומט זיך צונויף היינטיגען חול המועד פסח זאָל איהם באַלד בעשטעטיגען. דער ראט האָט אויך בעאויפטראָגט דער פער-וואלטונג זי זאָל אין בודזשעט פון 1928 אריינשטעלען א געהעריגע סומע אויפ'ן נייעם בית המדרש.

ווען די ידיעה זאָל זיך בעשטעטיגען וואָלט דעם היינטיגען פסח געמעגט קי-מען משיח.

## פעטש אין גערער שטיבעל.

אין צוזאַמענהאנג מיט דער גענילע „אקציע" צו „דיזענפעקציאַנירע" און „אויפצולייטערן" די „אַטמאָספערע" פון די „אכצעהנטליך" און „היינט"-לייענען האָבען היינטיגען שבת, פֿשטארק אָבגע-היליכט די פעטש וואָס א געוויסער יונ-גערמאַן האָט אָהן א פאר וואָס בעקומען אין גערער שטיבעל פאַר קריאת-התורה. פון א געוויסען ה' ק—ער. א פנים, אז אין פרשת ויקרא. האָט דער פאַס-שער געהאַלט ברענגען א לעבעדיגען קרבן...

אין דער „אקציע" נעמט אויך א „אקטיוון" אנטייל דער „ערטאָדאָקס", ה' מ—וש, וועלכער וויל דורך זיין אַקטיווער „ארבייט" ווערען קונסטיגער דאַזאַר. ה' מ—וש, א שאַד אייער ארבייט. ביז איהר וועט ווערען קיעל-צער דאַזאַר, וועט נאָך לאַנג, גאַנץ לאנג געדויערען.

אונזער טרייע שוועסטער און שוועגערין עלקה וועלכע פיהלט אימטער מיט אונזערע ליידען און פריידען צו איהר האָכצייט מיט ה' שמחה נייטמאן ווינשען מיר א גליקליך צופריערען לעבען.
קעלץ. שלמה און הינדזיא קאַנער.

בעסטע שיפס-קאָמוניקאַציע צווישען פוילען און קאַנאדע
„באַלטיק-אמעריקא-ליין"
עמיגראַציע - ענינים ערלעדיגט
ביורא „יוס"
קעלץ, קילינסקי גאַס № 8

## יודישע זעלנער ווערען בעפרייט אויף פסח.

א דאַנק די אינטערווענץ פון היגען רב און קהלה-סעקרעטאר. ועלן אלע יודישע זעלנער פון היגען גאַרניזאָן בעפרייט ווערען אויף פסח. פון וועלכען טאָג אַן און ביז וועלכע שעה'ען וועלען מיר מיטטיילען אין נעכסטען נומער פון אונ-זער צייטונג.

## א פסח-קוך פאַר יודישע זעלנער.

ווי יעדעס יאָהר וועט אויך געוויס היי-יאָהר די יודישע קהלה איינאָרדנען א פסח-קיך פאַר די יודישע זעלנער. עס וואָלט געוואונשען געווען אָ ביסעל מעהר אָרדנונג ווי פאַ-יגעס יאָהר.

## חנוכת-הבית פון קרן-קימת-לאָקאַל

דער אָרטיגער קאָמיטעט פון „קרן-קימת". איינגעאָרדנעט אין חול-המועד פסח, א חנוכת-הבית, צוליב דעם נייעם לאָ-קאל. וואָס ער האָט געדונגען פאַר'ן „קרן קימת. פרטים אין נעכסטען נו-מער.

## אַלגעמיינע פערזאמלונג פון „מכבי"

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמ-לונג פון אידישען ספּאָרט-קלוב „מכבי", קומט פאָר זונטאָג, דעם 2-טען טאָג חול-המועד-פסח אין לאָקאַל פון דער אידישער קהלה.

## אָווענד קורסען פאַר העברעאיש, ענגליש און עספעראנטאָ.

דער אָרטיגער קאָמיטעט פון „קרן-קימת". טרעט צו איינצואָרדנען פון נאָך פסח אַן, אָווענד-קורסען פאַר העב-רעאיש, ענגליש און עספעראנטאָ.

## קיעלצער „חד-גדיא".

דער פסח-אקציע פון אונזער צייטונג וועט ערשיינען ערב-פסח אין א פער-גרעסערטען פאָרמאַט און די קיעלצער אַבטייל. וועט זיין פערזעהן מיט א ספע-ציעלע הומאָריסטישען „חד-גדיא", פון „ביקי בן יגלי", געווידמעט די קיעל-צער „כלל-טהוער". שטאָדס-פערוואַרגער און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס.

דער „חד-גדיא" וועט זיך אָהן רחמנות אָבּרעכענען מיט אלע און אַלעמען און וועט קיינעם נישט שוינען פון רעכטס און פון לינקס.




בעקאַנטמאַכונג
כשר לפסח
יין ומעד ושפירט
צו ביליגע פרייזען איז צו בעקומען ביי ר' מענדיל ני' פערקאל
בן ה"ב ר' נחמן שליט"א מ"ץ בראָדום וואָהל № 9.
בעמערקונג: אויך א גאנץ יאָהר איז צו בעקומען אלע פערשיעדענע געטראנקען צו ביליגע פרייזען.




כשר לפסח

# KUNEROL

א גאראנטיר־טער ריינער שפייז־פעטס — פון — קאקאָנוס

ווערט אויסגעארבייט אונטער דער השגחה פון הרב ר׳ שמואל עהרענפרייד פון מאטטערסבורג מיט׳ן רעכט פון הרב ר׳ אברהם צבי פערלמוטער אין ווארשא.



## מצות און מצה-מעהל

מיר מאכען בעקאנט די ראדאמער יודישער בעפעלקערונג, דאס אין אונזער בעקעריי קילינסקא 21 ווערען אויסגעבאקען מצות, ווי אויך מצה-מעהל פון די בעסטע סארטען מעהלען.

די מצות זענען שמורה און דין און ווערען אויסגעפיהרט אונטער דער אויפזיכט פון ראבינאט־הכשר און ביי די בעסטע היגיענישע און סאניטארע בעדינגונגען.

מיר האפען, דאס די ג. קליענטעליע וועט אונזער בעקעריי בעזוכען און קויפען ביי אונז מצות און מצה־מעהל, פון וועלכע זיי וועלען זיין צופריעדען.

די בעדינגונגען ביים קויפען זענען צוגענגליך.

קומט און איבערצייגט אייך.

הערשעל מלינארסקי און יצחק עהרליכמאן

ראדאם, קילינסקא 21 (צווייטע גורקעס)



אכטונג ווילסט זיך עלעגאנט און ביליג קליידען, אכטונג

זא ווענד זיך צו דער לאנג-עקזיסטירענדער פירמע

# א. קיילער

ראדאם לובלינער 36,

וועלכע איז פערזעהן צום זומער־סעזאן אין א גרויסען אויסוואהל פון

מענער-אנצעגער, פאלטעס, גומע מאנטלען

אויך ערשטקלאסיגע, גוטע קינדער־אנצעגלעך

פון די נייעסטע און בעסטע שטאפען.

בעזונדער עמפפעהל איך מענער-הוטען פון אינלענדישע און אויסלענדישע פירמעס צו קאנקורענץ פרייזען.

פ. ס. איך נעם אויך אן בעשטעלונגען פון אייגענע און אנגעטראגענע סחורות.

ערשטקלאסיגע ארבייט — בעסטע בעדינגונגען.



CZAS SIĘ OPAMIĘTAĆ!

DBAJCIE O SWÓJ WZROK!



OKULARY

i BINOKLE

ściśle podług przepisów p.p. Lekarzy wykonuje

**SPECJALISTA-OPTYK**

# Z. WĘGIER

**Radom, Lubelska 25.**

Własna szlifiernia oraz warsztat na miejscu.


## OSTRZEŻENIE.

Magistrat m. Radomia, Wydział Skarbowy podaje do publicznej wiadomości, że inkasentowi miejskiemu Gustawowi Iwanickiemu zrabowano, między innemi kwitarjusz podatkowy za Nr. 185|1 str. 9201—9250 i legitymację służbową.

W razie zgłoszenia się po odbiór podatków, osobę, posiadającą wymienioną legitymację i kwitarjusz, należy bezwłocznie oddać w ręce policji.

**Radom, dnia 21 marca 1928 r.**

Prezydent miasta wz. (—) **W. UZIĘMBŁO.**

Naczelnik Wydziału (—) **T. LAUTERBACH.**


## מכירת חמץ

אזוי ווי אלע יאהרען, אזוי וועט מען אויך דאס יאהר פערשרייבען דאס חמץ אצל האלמנה מהרב ר׳ מנחם מענדל וויינגארט (פזרוינער) זצ״ל

לובלינער 3 №.

אונטער די אויפזיכט פון א בעזיסטען למדן בעה״ר.








## בעקאנטמאכונג.

מיר האפען דעם כבוד בעקאנט צו מאכען דאס אונזער פוטער־געשעפט

# י. מ. ווערבער עט זעהנע

ראדאם, לובלינער 14 (פראנט)

בעזיצט צום זומער־סעזאהן א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

מענער און קינדער-היטלען און היטלען, ווי אויך פערשידענע גומי-מאנטלען, אינלענדישע און אויסלענדישע

— צו מעסיגע פרייזען. —






**GERHARD F. SCHMIDT.**

WYTWÓRNIA PREPARATÓW FARMACEUTYCZNYCH

ZURICH, MONACHJUM, BERLIN, WIEDEŃ, BUDAPESZT, TORONTO (KANADA) GDAŃSK.



*Kino CORSO w Radomiu.*

Od poniedziałku dnia 26-go marca i dni następnych

# MARSYLJANKA POD NOŻEM GILOTYNY

Wielki dramat na tle rewolucji francuskiej w 12-tu dużych aktach z udziałem **Rene NAVARRE** i inn.



# Felczer H. GRINSZTAJN Zgodna 1, tel. 303.


Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20